Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT — פרייז 30 גראשען — היינט 24 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 275 | Łódź Piątek, 27 listopada 1931 r. | נײַנטער יאהרגאנג | לאדז, פרייטאג, י״ז כסלו תרצ״ב | № 275

Adres Redakcij i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

## „צעירי ישראל" — התחלת הספר

מוצש״ק. פ׳ וישב (ד. 5/XII 1931), פינקטליך 8 א זייגער אווענד
קומט פאר אין „ענגל שעז זאל" (וואולטשאנסקא 5)

## א גראנדיעזע
# התחלת=הספר-פייערונג

מיט׳ן אנטייל פונ׳ם בעריהמטען חזן פון דער וואלינער שוהל ה׳ יצחק סאלאווייטשיק
ווי אויך 2 ארקעסטער׳ס אונטער דער לייטונג פון בעוואוסטען מוזיקער ה׳ מעלאדיסטא.
ווי אויך בעוואוסטע פרעלעגענטען, וואס וועלען רעפערירען מעניני דיומא. **הועד.**

אויסערגעוועהנליכע געלעגענהייט!
טוך- און קארט=לאגער
# O. Milgrom
7 Cegielniana 7 (dawn. 43)
## גרויסער אויספערקויף
פון ביליצער, טאמאשאווער און לעמבערד׳ס סחורות
צו די ביליגסטע פרייזען

## יידישע פאלקספארטיי אין לאדזש.

היינט, פרייטיק, דעם 27-טען נאוועמבער פינקטליך 7 א זייגער אוונט קומט פאר אין לאקאל זשוליאנע 10 a א רעפעראט פון ח׳

# אדוו. יוסף וויצמאן

א.ד.ט.: „דער פאלקיזם און איר וועלטאנשויאונג"
נאכ׳ן רעפעראט קומען פאר דיסקוסיעס. חברים און סימפאטיקער קומט מאסענווייז. איינגאנג פריי פאר אלע. 7182

## זאל „הזמיר" קאשטשושקי 21. — יידישער טעאטער=קאמיטעט אין לאדזש

זונטאג, דעם 29-טען נאוועמבער, 9 אווענד

# א טעאטער=דיסקוסיע
## אלטע און נייע וועגן פון יידישן טעאטער

רעפערענטן: דיכטער בראדערזאן, ד״ר פאללעק, רעד. ל. פוקס, מ. פעדער, ד״ר מ. מוזאה, רעזשיסער מאשקאוויטש און ד״ר טארטאקאווער. אין דער דיסקוסיע קאן זיך באטייליקן יעדער פון פובל. בילעטען פריהער צו באקומען אין באר „איירעפעיסקי" פיוטרקאווסקא 4. 7151.

קויפט נור ביי דער ערשטער האנד!
# ייך כשר וטוב!
1/4 ליטער נור 63 גראשען
פון דער אלטער בעוואוסטער פירמע
# „בארוויך"
אינה.: מענדיל בארנשטיין, לאדז
נאוואמיעסקא 30, טעל. 210-58
גרויסער אויסוואהל פון וויינען, ליקערן און בראנפען׳ס.
ביליגע פרייזען. סאלידע בעהאנדלונג.

## עפענטליכע ערקלערונג!

אזוי ווי אין מיין הויז וואוינט דער לאקאטאר

### עזריאל בידערמאן

אין איז מיר שולדיג פאר 13 קווארטאלען דירה-געלד אויף א סומע ביז 1000 זל. און אזוי ווי די עקסמיסיע איז שוין פעסטגעשטעלט אויפ׳ן 31-טן דעצעמבער 1931, פאדער איך איהם אויף גוטוויליג צו פערלאזען די וואוינונג כדי אויסצומיידען די עקסמיסיע. אויב ער וועט גוטוויליג פערלאזען דעם לאקאל בין איך גרייט איהם צו געבען א נ׳ענטשפרעכענדע פערגיטיגונג, אין נעגענפאל טראגט ער אליין די אחריות פאר די אדורכגעפיהרטע עקסמיסיע.

מיט אכטונג **ש. ל. ראטענבערג**
אלעקסאנדריסקא 6. — 7228

## מעלדונג.

אזוי ווי עס איז געוועזען א מעלדונג אין דער צייטונג פון 25/11, אז עס געהען ארום אומפעראנטוואָרטליכע מענשען און זאמלען געלד אין נאמען פון שניידער-צעך, ערקלערען מיר, אז ביי די דאמען=שניידער-בעשטעלט אין לאדז איז געשאפען געווארן א גמילת חסדים-קאסע פאר אונזערע מיטגלידער, וועלכע זענען שטארק געטראפען געווארן פון יעצטיגען שווערען קריזיס, פון וועלכען עס ליידט אונזער פאך.

די פאך-קאמיסיע.

בעמ.: גלייכצייטיג פאדערן מיר אויף די פערוואלטונגס-מיטגלידער פון שניידער צעך, וועלכע זענען לעצטענס געגאנגען זאמלען געלד, זיי זאלען ערקלערען אויף וועלכע צוועקען זיי האבען דאס פערווענדעט. 7231

Dr. med.
# W. Eychner
אקושעריע און פרויען=קראנקהייטען.
וואוינט איצט 4 צעגעלניאנא 4
(נעבן קינא „טשארי") טעל. 134-72
נעהמט אן פון 2 1/2 — 4 און פון 7 — 8 אווענד

# האמעאפאט
Dr. med. M. GELLER
לאדז, קאפערניקא 49
טעלעפאן 245 50
היילט מיט קרייטעכצער אין אלע קראנקהייטען.

# פאר מאגנליידענדע
ראבארבער=וויין )
פעפסין=וויין ) כשר
אין פרימא קוואליטעט
צו בעקומען אין דער ווייןהאנדלונג פון
# E. SZYKIER
Północna 1, tel. 107-84.

וויכטיג פאר עקספארטערן
אנ׳אונטערנעהמער א פאכמאן נעהמט אן
# הויזען
יעדען קוואנטום מיט צושניידען גענען וא־אנטיע.
די אדרעס צו ערפאהרען אין „נייעם פאלקסבלאט"

Dr. med. **REICHER**
פאלודניאווא 28, טעל. 20193
ספעציאל ארצט פאר מענער=שוואכע-בעהאנדלונג
נעהמט אן פון 8—11 פריה און פון 5—8 אווענד.
זונטאג און יום-טובים פון 9—1 בטאג.

## אויפרוף

אין לאדז ערנעהרען זיך פון אויפקויפען אלטוואַרג איבער 200 שאכער. זיי גייען פון הויף צו הויף שרייען „האנדעל" און פון דעם ציהען זיי זייערע פרנסה שוין פון יאהרען לאנג. די שאכער לעבען איבער איצט א אויסערגעוועהנליכען מאמענט. ס׳גייען אדורך טעג און פערדינען נישט אויף א שטיקל ברויט. אויב איז דאס ווייניג, געפינען זיך פערזאנען וועלכע דרייען זיך פאר די האטעלען און צוקערניעס, וואַרטען זיך יעדען דורכגייער און רעדען איין אז זיי צאהלען די העכסטע פרייזען און אז דער שאכער איז נישט קיין ערענליכער מענש, אז ער איז א גנב. די דערמאנטע פערזאנען זענען פערמעגליכע סוחרים, מיר ווענדען זיך דעריבער צו דער לאדזער בעפעלקערונג און בעטען אונז ענטקעגענקומען מיט הילף, וועלכע זאל בעשטיין אין דעם, דאס אלטווארג זאל נאר פערקויפט ווערען די שאכערס. מיר גלויבען, אז די יודישע בעפעלקערונג וועט אונז פערשטיין און אונזער אויפרוף וועט נישט בלייבען א קול קורא במדבר.

שאכער-פעראיין, פאמארסקא 15

פעראיין „עזרת אחים", לאדז, זאוואדזקא 28
דינסטאג, ד. 1-טען דעצעמבער 1931 9 א זייגער אוו. ווערט געגעבען א טעאטער=פארשטעלונג
אין פילהארמאניע ס׳ווערט געגעבען די אויסגעצייכנטע פיעסע
# „איציקל שגץ"
אין דער הויפטראלע די פאפולערע סוברעט!
# רעגינא צוקער
צום שלוס א גרויסער דיווע־טיסמענט מיטן אנסאמבל פון נאנצן אנסאמבל
די הכנסה גייט למובת דעם הילפס-פעראיין „עזרת אחים"
בעמערקונג: אלע מיטגלידער וועלען געבעטען צו קומען שבת דעם 25 נאוועמבער 1931 4 אזייגער נאכמיטאג אין פעראיינס-לאקאל אין א זאכער וויכטיגע אנגעלעגענהייט. די פערוואלטונג

## אכטונג, מעבעל-טישלער פון לאדז!

דער טישלער=צעך אין לאדז, בושעושינער 7 רופט אלע מעבעל=טישלער מיטגלידער און נישט-מיטגלידער צו קומען מאסענווייז אויף דער

# פערזאמלונג

וואס קומט פאר זונטאג, דעם 29 נאוועמבער 1931 פינקטליך 7 א זייגער אווענד אין לאקאל בושעושינער 7 וועגען וויכטיגע פאך=פראגען.

**די פערוואלטונג.**

# אויף די צאל-מויערן אין ענגלאַנד




אַ סוף צו דער אַרב יטסלאזיגקייט — אַלע ארבייטסלאזע פון די געשלאסענע פאַבריקען וועלען בעשעפטיגט ווערען ביי די ריזיגע צאל מויערען... (אויסל. הומאָר)

# גט-אטאקעס

## א סצענע אין בית-דין-שטיבעל

אין בית־דין שטיבעל קומט אַריין אַ יוד, ווענדט זיך צו אַ רב: רבי, איך וויל מיך גט'ן מיט מיין ווייב. איך וועל אייך בעטען איהר זאָלט נישט פרו־בען אָפּהאַלטען פון מיין בעשלוס. אַ מאַנספּערשוין דאַרף זיין אַ מאַנספּערשוין, און ווי איהר קוקט מיך אָן, בין איך טאַקע אַ הונדערט פּראָצענטיגער מאַנס פּערשוין — איך בין ענטשלאָסען צו אַ גט.

— זעצט אייך — זאָגט דער רב, וואָס זענען די סיבות? פאַרוואָס ווילט איהר זיך...

— רבי — האָט דער יוד איהם נישט געלאָזט ענדיגען — נאָט אייך 25 זלאָטעס פאַר דער עצה— ס'איז געגוג?

— ר' יוד — האָט דער רב זיך געוואונדערט, איהר האָט דאָך גערעדט וועגען אַ גט?

— שוין, — האָט דער יוד שווער אָפּגעפּיצט, ס'איז מיר שוין איבערגעגאַנגען. יעדעס האַלבע יאָהר קריג איך אַזעלכע גט־אַטאַקעס. אַזוי, ווי איך ווייס, אַז מיין יענטעל וועט נישט וועלען קיין גט, מוז איך כאָטש ריידען וועגען אַ גט...

## דאס רעדעוודיגע מיידעל און דער שטומער דעפּוטאַט

### מעשיות וואס פערלויפען זיך

האָסט געלייענט אין „פאָלקסבלאַט" אַז אַ שטום מיידעל האָט פּלוצלונג אָנגעהויבען רעדען?

— איך ווייס פון אַן אַנדער מעשה: אַ רע־דעוודיגער יודישער דעפּוטאַט איז לעצטענס פּלוצ־לינג שטום געוואָרען...

—=:[O]:=—

## ווער זענען די מענער

### מיט די ווייבערישע ספּודניצעס?

אַ קינד זיצט מיט'ן פאָטער אין געריכט, זעהט ער אַדוואָקאַטען אין די טאָגעס, פרעגט ער אַ פער־וואונדערטער:

— טאַטעשי, פאַרוואָס טראָגען די מאַנספּערשוי־נען ווייבערישע ספּודניצעס?

— דו וועסט זעהען — האָט דער פאָטער געענט־פערט אַז זיי וועלען באַלד רעדען פאַר פייער און וואַסער — פונקט ווי די ווייבער...

## די אייביגע ווייבערישע יוגענד

— ענטשולדיגען זי — צי האָב איך דעם כבוד צו רעדען מיט דער פאַנגע פאַמאַדאָוונע?

— ניין, איך בין שוין אַ פערהייראַטע פרוי.

— אַך אַזוי? זענט איהר עס די מוטער פון דער פאַנגע זאָשקע?

— און דאָס נישט. איך בין די מוטער פון איהר מוטער...

—=):O:(=—

## פותר הולומות

אַז ס'חלומ'ט דיך אַ פּאָר צוריסענע שיך — איז אַ סימן, אַז דיך וועט בעזוכען דער סעקוועס־טראַטאָר.

אַז ס'חלומ'ט דיך פון גנבים — איז אַ סימן, אַז דו וועסט אָרגאַניזירען אַ בלומעל־טאָג.

אַז ס'חלומ'ט דיך פון אַ מלחמה — איז אַ סימן, אַז דו וועסט פאָהרען קיין ווילנע (אָדער אין אַן אַנדערע שטאָט, וואו ס'איז דאָ אַן אוניווער־זיטעט)...

## ער קען געאָגראַפיע

### ביי אַ לעקציע אין דער שולע

לעהרער (צו אַ שילער פון ערשטען קלאַס): ווייז מיר, הערשעלע, וואו ליגט בריסק?

שילער: אין געריכט, הער לעהרער!...

## אַ בחור מיט „סמנים" פון אַ בעווייבטען

ריכטער (צום אָנגעקלאָגטען): ווי איך זעה, זענט איהר פערהייראַט.

אָנגעקלאָגטער: ניין, הער ריכטער, די לעבער אין קאָפּ. האָב איך נאָך פון פאַר דער מלחמה.

## היינטיגע „מוהמעס"

דינסטמיידעל (צו דער מאַדאַם): לאָמיר די מאַדאַם ערלויבען היינט אַרויסצוגעהען צו מיין מוהמע.

מאַדאַם: אין מיטען דער וואָך צו דער מיהמע?

יאָסעלע: יאָ, יאָ, פעליס פיהמע איז די וואָך געוואָרען אַ סערזשאַנט.

## אשלעכט געשעפט

אַ לעהרער, נישט קיין גרויסער חכם, ...דעט זיך צו זיינעם אַ חבר, אַ פיפיגען חברה־מאַן: כ'־וואָלט געוואָלט מיט אייך זיך אַדורכשמועסען אַ שעה־צייט — און זיך טוישען מיט די געדאַנקען.

— ליבער פריינד — האָט דער פיפיגער געענטפערט — איך מאַך קיינמאָל נישט אַזעלכע שלעכטע געשעפטען.

—=:)O(:=—

## צרות נאַ לאַקטשי

ס'איז איינע
צו אַ קליינע,
און די צווייטע
צו אַ ברייטע,
און די דריטע
איז צו ליטע־
ראַריש.

ס'איז די פערטע
אין „בעשערטע",
ווי די פיפטע,
אַ פערטיפטע;
און די זעקסטע,
און די נעקסטע
זענען נאַריש.

ס'איז די אַכטע
און די ניינטע
אַ פערשמאַכטע,
אַ צו־פערפיינטע,
און די צעהנטע
איז אַ יענטע,
אַ באַלוואַן!

און די איינע
וואָס האָט קיינע
שום חסרונות,
אַ פּאַרשוין איז
איז משוגע
און אַ קלוגע,
פאַר איהר מאַן...

# דער קונדס

● הומאָר ● סאַטירע
צוזאַמענגעשטעלט פון אב—נעק ●
ביילאגע צום נייעם פאלקסבלאַט נ' 275 ● פרייטאג, ד. 27 נאוועמבער 1931

## דער רוסישער בער ציהט זיך צוריק...




רוסישער בער: (צום יאַפּאַנער אין דער פערנומענער ציציקאַר): געדענק, דו קליינער ווערוק, איך וועל דיר נאָך אַזוי „אַנציציעווען", אַז דו וועסט האָבען צו זינגען און צו זאָגען.

יאַפּאַנער: האַ.. האַ.. אַז די פעלקער-ליגע ליגט אין קימפּעט, טאַנץ איך אויפ'ן טיש.





אויבען: באָיקאָט פון יאַפּאַנישע סחורות אין כינע. אַ גאַסען־רעדנער אין שאַנכאַי, פאָדערט אויף די בעפעלקערונג צו באָיקאָטירען יאַפּאַנישע סחורות.

איבדערזייט: סטעפאַן צווייג, דער בעריהמטער דייטשער שריפטשטעלער (אַ ייד) איז אַלט געוואָרען פופציג יאָהר.

אונטען: דער שפרונג־טורם אין לייק פלעסיד נעבען ניו־יאָרק. — דאָ קומט פאָר די ווינטער־אָלימפּיאַדע פון די פעראייניגטע שטאַטען.





געוועזענער בירגערמייסטער פון בערלין אַלס עדות אין פראָצעס פון די ברידער סקלאַרעק.



דאָס אונטערוואַסער־שיפעל „נאַוטילוס", וואָס האָט געזאָלט פאָהרען צום נאָרדפּאָל, איז דערטרונקען געוואָרען אין האַפען פון בערגען (נאָרוועגען).



קאַרל פאָן אָסעצקי (רעכטס) וואַלטער קרייזער (לינקס צוויי דייטשע שריפטשטעלער זענען פערמשפט געוואָרען צו 8 חדשים טורמע פאַר מלוכה־פערראט.








אויבען: אַ ריזען־ליכט רעקלאַמע אין לאָנדאָן. צו דער פּראָפּאַגאַנדע צו קויפען נייע ענגלישע סחורות.

איבדערזייט: בעס ליוויס, שוואָגער פון פרעזידענט הובער, איז אַרעסטירט געוואָרען פאַר אַלקאָהאָל־שמוגעל.

אונטען: די גרויסע וועלט־לאָטעריע. דער ריזען־קעסעל אין וועלכען עס געפינען זיך די נומערען ביי דער ציהונג פון דער גרעסטער וועלט־לאָטעריע „איריש סוויפּסטעיק" (אין ענגלאַנד.






אויבען : קראַך פון אַ גרויסער בערלינער באַנק. אין ווינקעל — ווילי זייפערט, דירעקטאָר פון דער באַנק פאַר האַנדעל און גרונדבעזיץ.



אינדער־זייט רעכטס : גראף קודענהאָווע־קאַלערגי, פיהרער פון דער פאַן־איראָפּא־בעוועגונג און קאַנדידאט צו בעקומען דעם נאָבעל־פרייז פאַר שלום

## צו די פאַרשטע־הענדע געטהע־פייערונגען




## א געטע מעדאל



דאָס איינציגע שפּיטאָל פאַר אַסטמאַ־קראַנקע אין גלאַדבאַג (אין דייטשלאַנד).



אויבען: צושטערט אַ פעסטונג. — אין הסכם מיט'ן ווערסאילער טראַקטאַט איז צושטערט געוואָרען די דייטשע פעסטונג גערמעסהיים.



אינדערזייט : לינקס דער פּראָפעסאָר פון די וויטאמינען פּראָפ. ווינדהויז, וועלכער האָט אין יאָהר 1926 בעקומען דעם נאָבעל־פּרייז האָט ענטדעקט דעם וויטאַמין „דע", וועלכער ווירקט געגען ראַכיטיס.

אונטען : די ענגלישע רייזען־שיף „בערמודא" איז אָפּגעבריענט געוואָרען געפינענדיג זיך אויף רעפּאַראַטור נאָך אַ שרפה.





די נייע געביידע פון דער אַרבייטער - באַנק אין בערלין.

אונטען: אין ענגלאַנד האָט מען אָנגעהויבען בויען אַעראָפּלאַנען מיט אויטאָזשירא־אַפּאַראַטען. די דאָזיגע אַעראָפּלאַנען קאָנען זיך אויפהויבען גלייך פון אָרט און דאָסועלבע אויך אַראָפּלאָזען זיך.



